בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת ויחי
יד טבת
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 12
(64)



ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א: אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ.

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

דֶער אֶמֶת'ער בֶּן מֶלֶךְ אִיז נֶעבֶּעךְ זֵייעֶר אֲוֶועקְגֶעפַאלְן, עֶר הָאט גֶעטוּן נַארִישְׁקֵייטְן, עֶר הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן, בִּיז אֵיין טָאג הָאט עֶר זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶוען **"אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"**.

דָאס אִיז מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְּקוּת פַּאר אוּנְז, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַזוֹי טִיף אַרָאפְּגֶעפַאלְן, עֶר הָאט גֶע'שִׁיכּוֹר'ט אוּן גֶעגַאנְגֶען צוּ שְׁמוּצִיגֶע פְּלֶעצֶער רַחֲמָנָא לִצְּלָן, הָאט עֶר אָבֶער גֶעוואוּסְט אַז עֶר קֶען נָאךְ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

## וֶועלְן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד

יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן; אֵיין זַאךְ דַארְף מֶען: "וֶועלְן", אוֹיבּ מֶען וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין דֶערְצוּ. דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאגֶענְדִיג: "דוּ קֶענְסְט שׁוֹין נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וִוי מִיר זֶעעֶן אִין דִי מַעֲשֶׂה וִוי דֶער בֶּן מֶלֶךְ אִיז צוּרִיק גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען אִין וַואלְד אוּן עֶס אִיז אִים פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן זַיינֶע בְּהֵמוֹת, בַּיינַאכְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אִיז עֶר אַרוֹיפְגֶעקְרָאכְן אוֹיף אַ בּוֹים, אִינְדֶערְפְרִי הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעזֶען שְׁטֵיין נֶעבְּן אִים זַיינֶע בְּהֵמוֹת, אִיז עֶר צוּרִיק אַרָאפּ פוּן בּוֹים אוּן וִוידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְלוֹיפְן זַיינֶע בְּהֵמוֹת בִּיז עֶר אִיז אַרַיין טִיפֶער אִין וַואלְד וָואס דָארְט אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען חַיּוֹת וָואס הָאבְּן נִישְׁט מוֹרָא פוּן מֶענְטְשְׁן, בַּיינַאכְט הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעזֶען אַ גְרוֹיסֶער בּוֹים אִיז עֶר אַרוֹיף אוֹיפְ'ן בּוֹים.

הָאבְּן מִיר שׁוֹין גֶעשְׁמוּעֶסְט פָארִיגֶע וָואךְ פוּן דֶעם, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ צָרָה הָאט עֶר אֵיין עֵצָה 'גֵיין צוּם בּוֹים', וָואס דָאס אִיז דֶער צַדִּיק, וִוי עֶס שְׁטֵייט (תִּיקּוּנֵי זֹהַר, תִּיקּוּן ו): 'עֵץ דָא צַדִּיק', אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ צָרָה, עֶר זֶעט חַיּוֹת אוּן וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן אִיז דָא אֵיין עֵצָה גֵיי צוּם צַדִּיק, נֶעם דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּי'נְס סְפָרִים, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין 'לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן', מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין 'אֲשֶׁר בְּנַחַל', וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִי חַיּוֹת. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר אַז וֶוען עֶס וֶוערְט צוּפְרִי, דָאס הֵייסְט דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט זִיךְ אָן צוּ מְסַדֵּר זַיין, עֶר וֶוערְט שׁוֹין אַבִּיסְל בַּאזֶעסְן - גֵייט עֶר אַרָאפּ פוּן בּוֹים. פַארְוָואס גֵייסְטוּ אַרָאפּ פוּן בּוֹים? בְּלַייבּ אוֹיפְ'ן בּוֹים וֶועט דִיר גוּט זַיין.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

וִוי עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיף דֶעם בּוֹים. הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן. סֶע לִיגְט דָארְט אֵיין מֶענְטְשׁ. הָאט עֶר זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן. נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגְן. הָאט עֶר הַנָאָה גִיהַאט. מַחְמַת עֶר הָאט דָא גִיפוּנֶען אַ מֶענְטְשְׁן.

## הַנָאָה הָאבְּן פוּן אַ חַבֵר

לִכְאוֹרָה אִיז דָאס צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן, אוֹיבּ עֶר הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן וִוי אַזוֹי הָאט עֶר הַנָאָה גֶעהַאט, אוּן אוֹיבּ הָאט עֶר הַנָאָה גֶעהַאט פַארְוָואס אִיז עֶר גֶעוָוארְן דֶערְשְׁרָאקְן? נָאר מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר (נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן) וֶוען מֶען קוּמְט צוּם צַדִּיק אִיז מֶען נִישְׁט קַיין בֶּן יָחִיד, עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ דָארְט נָאךְ מֶענְטְשְׁן, מֶען טְרֶעפְט דָארְטְן חֲבֵרִים, דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן וַוייל פוּן אַ חַבֵר קֶען מֶען הָאבְּן גְרוֹיס חֲלִישַׁת הַדַעַת, דוּרְךְ אַ חַבֵר קֶען מֶען חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפְּפַאלְן, אָבֶער מִיט שֵׂכֶל קֶען מֶען הַנָאָה הָאבְּן פוּנֶעם חַבֵר.

## נָאכְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן

אַז מֶען טְרֶעפְט אַ חַבֵר בַּיים צַדִּיק אוּן מֶען זֶעט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן: "וואוּ בִּין אִיךְ, אִיךְ קֶען דָאךְ גָארְנִישְׁט, יֶענֶער לֶערְנְט אַזוֹי פְלַייסִיג, יֶענֶער מַאכְט סִיוּמִים, יֶענֶער שְׁטֵייט אוֹיף פַארְטָאגְס עֶר זָאגְט חֲצוֹת אוּן אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד", - קֶען מֶען בַּאקוּמֶען חֲלִישַׁת הַדַעַת, מֶען קֶען דֶערְפוּן וֶוערְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אוֹיבּ מֶען נוּצְט דָאס מִיט שֵׂכֶל, קֶען מֶען זִיךְ מוֹרָא'דִיג מְחַיֶּה זַיין, אוֹיבּ מֶען וַוייסְט אַז מֶען דַארְף נִישְׁט נָאכְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט נָאכְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל נִישְׁט מֶען זָאל נָאכְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן, אִיךְ דַארְף נִישְׁט זַיין וִוי אִים, נָאר אִיךְ זָע זַיין נְקוּדָה אוּן אִיךְ נֶעם חִיזוּק פוּן אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נַחַת פוּן אִים אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נַחַת פוּן מִיר. דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי, אִין אָנְפַאנְג הָאט עֶר זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן, אָבֶער דֶערְנָאךְ הָאט עֶר הַנָאָה גֶעהַאט וואוּסֶענְדִיג אִיךְ דַארְף אִים נִישְׁט נָאכְמַאכְן.

הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִיפְרֶעגְט אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע וֶוער בִּיסְטוּ. אַ מֶענְטְשׁ. וֶוער בִּיסְטוּ. אַ מֶענְטְשׁ. פוּן וַואנֶעט קוּמְסְטוּ אַהֶער. הָאט עֶר אִים נִיט גִיוָואלְט דֶערְצֵיילִין וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיטָאן. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. דָארְךְ דִי בְּהֵמוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גִיפַּאסֶעט. זֶענֶען צְוֵוי בְּהֵמוֹת פַארְגַאנְגֶען אַהֶער. אוּן דוּרְךְ דֶעם בִּין אִיךְ אַהֶער גִיקוּמֶען. הָאט עֶר ווידֶער גִיפְרֶעגְט יֶענֶעם מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר הָאט גִיפוּנֶען דָארְט אוֹיף דֶעם בּוֹים. פוּן וַואנֶעט קוּמְסְטוּ אַהֶער. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְטְפֶערְט. אִיךְ בִּין אַהֶער גִיקוּמֶען דוּרְךְ דֶעם פֶערְד. וָוארִין אִיךְ הָאבּ גִירִיטְן אוֹיף אַ פֶערְד. הָאבּ אִיךְ מִיךְ גִישְׁטֶעלְט אָפְּרוּעֶן. אִיז דָאס פֶערְד פַארְגַאנְגֶען אִין וַואלְד אַרַיין. הָאבּ אִיךְ עֶס נָאךְ גִיאָגְט אִיךְ זָאל עֶס חַאפִּין. אוּן דָאס פֶערְד אִיז וַוייטֶער אַנְטְלוֹיפִין גִיוָוארִין. בִּיז אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען אַהֶער. הָאבִּין זֵיי צְווִישְׁן זִיךְ גִימַאכְט. אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ הַאלְטִין אִין אֵיינֶעם. אוּן זֵיי הָאבִּין אָפְּגִישְׁמוּסְט. אַז אַפִילוּ אַז זֵיי וֶועלִין קוּמֶען אִין יִשׁוּב אַרַיין זָאלִין זֵיי זִיךְ אוֹיךְ הַאלְטִין אִין אֵיינֶעם. אוּן זֵיי הָאבִּין דָארְט אִיבֶּער גִינֶעכְטִיגְט בֵּיידֶע אוּן זֵיי הָאבִּין דָארְט גִיהֶערְט דָאס קוֹל פוּן דִי חַיּוֹת וִוי זֵיי הָאבִּין גִיבְּרוּמְט אוּן הָאבִּין זֵייעֶר גִישְׁרִיגְן.

## דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת

זֶעט מֶען וִוי כָּל זְמַן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן בּוֹים, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים צַדִּיק, הָאבְּן זֵיי נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט. דָאס בַּאקוּמְט מֶען אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן אוּן פָאלְגְט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, בִּפְרָט דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיךְ דַארְף, אִיךְ דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער.

## גֶעבּ מִיר אַפָּאר שָׁעָה

הַיינְט צוּפְרִי בַּיים שִׁיעוּר אִין סֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דֶעם; וֶוען מֶען קוּמְט אָנְטְרָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ סַיי וָואס, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, "אִיךְ קֶען דִיר עֶפֶּעס קוֹיפְן", "אִיךְ קֶען דִיר עֶפֶּעס גֶעבְּן", אָדֶער מֶען בֶּעט אִים "בָּארְג מִיר גֶעלְט", "גֶעבּ מִיר גֶעלְט", זָאגְט אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד

שְׁטֶענְדִיג: "גֶעבּ מִיר אַפָּאר שָׁעָה דֶערְנָאךְ וֶועל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן", וָואס וֶועט גֶעשֶׁען אִין דִי פָּאר שָׁעָה? אִיךְ וֶועל גֵיין אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת.

## רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וִויפִיל זָאל אִיךְ אִים גֶעבְּן?

רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר מוֹהֲרַ"א"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט אִין קְלוֹיז, אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ סְכוּם גֶעלְט, הָאט אִים ר' לֵוִי יִצְחָק גֶעבֶּעטְן: "אֶפְשָׁר גֶעבְּסְטוּ אַבִּיסְל מֶער?" הָאט יֶענֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "הַיינְט וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת אִיז מִיר אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז בַּיים אַפִּיעֶל פַאר 'קִמְחָא דְפִסְחָא' זָאל אִיךְ גֶעבְּן דֶעם סְכוּם", הָאט ר' לֵוִי יִצְחָק גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרַ"א"ש: "אִיךְ הָאבּ אִים גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט זָאגְן, אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַזוֹי מְיֻשָּׁב, אֲפִילוּ דָאס שְׁמוּעֶסְט עֶר אוֹיךְ אוֹיס בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת, קֶען אִיךְ אִים נִישְׁט זָאגְן גֶעבּ מִיר מֶער, וַוייל עֶר הָאט דָאס שׁוֹין גֶעהַאט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת", דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ פֶּלֶא'דִיגֶע זַאךְ בַּיי רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק, אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ. מֶען אִיז אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן מֶען זֶעט אֵיינֶער גֵייט אַרוּם נָאךְ גֶעלְט זָאגְט מֶען: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וִויפִיל זָאל אִיךְ אִים גֶעבְּן? אַ דָאלֶער, אַ פִינֶעוֶוער, אַ צֶענֶער, אָדֶער אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ אִים גָארְנִישְׁט גֶעבְּן, אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ גֶעבְּן פַאר אַ אַנְדֶערֶע צְוֶועק**", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט אִין אִים אַרַיין תְּשׁוּבוֹת, עֶר וַוייסְט נָאכְדֶעם וָואס צוּ טוּן.

אַקֶעגְין טָאג. הָאט עֶר גִיהֶערְט זַייעֶר אַ גְרוֹיס גִילֶעכְטֶער (הַא הַא הַא) אִיבֶּערִין גָארִין וַואלְד (כְּלוֹמַר דָאס קוֹל פוּן דֶעם גִילֶעכְטֶער אִיז גִיגַאנְגֶען אִיבֶּער גָאר דֶעם וַואלְד) וָוארִין סֶע גִיוֶוען זַייעֶר אַ גְרוֹיס גִילֶעכְטֶער. בִּיז דֶער בּוֹים הָאט גִיצִיטֶערְט פוּן דֶעם קוֹל פוּן דֶעם גִילֶעכְטֶער. אוּן עֶר אִיז זַייעֶר דֶער שְׁרָאקִין גִיוָוארִין אוּן הָאט גְרוֹיס פַּחַד גִיהַאט דֶערְפוּן. הָאט אִים דֶער אַנְדֶערֶער גִיזָאגְט (דְהַיינוּ דֶער מֶענְשׁ וָואס עֶר הָאט גִיפוּנֶען דָארְט אוֹיף דֶעם בּוֹים) אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גָאר קַיין פַּחַד נִיט דֶערְפוּן וָוארִין אִיךְ נֶעכְטִיג דָא שׁוֹין כַּמָּה נֶעכְט. אִיז אַלֶע נַאכְט אַזוֹי. וִוי סֶע קוּמְט נָאהֶנְט צוּ טָאג. הֶערְט מֶען דָאס גִילֶעכְטֶער. בִּיז אַלֶע בֵּיימֶער צִיטֶערִין אוּן טְרֶעסִין זִיךְ. הָאט עֶר זִיךְ זַייעֶר גִישְׁרָאקִין אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּם אַנְדֶערִין סֶע הָאט אַ פָּנִים אַז דָא אִיז דָאס אָרְט פוּן דִי לַייט (כְּלוֹמַר פוּן דִי שֵׁדִים) וָוארִין אִין יִשּׁוּב הֶערְט מֶען גָאר נִיט אַזוֹי אֵיין גִילֶעכְטֶער וָוארִין וֶוער הָאט גִיהֶערְט אַ גִילֶעכְטֶער אוֹיף גָאר דֶער וֶועלְט.

## דֶער טָאג לַאכְט אוֹיס דֶעם נַאכְט

שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד וָואס אִיז דִי זַאךְ פוּן דִי גֶעלֶעכְטֶער, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דֶער טָאג לַאכְט אוֹיס דֶעם נַאכְט, עֶר זָאגְט פַארְ'ן נַאכְט: קוּק וֶוען עֶס הֵייבְּט אָן צוּ טָאגְן גֶעדֶענְקְט שׁוֹין קֵיינֶער נִישְׁט פוּן דִיר, דוּ הָאסְט שׁוֹין אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין נָאמֶען, קֵיינֶער רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט פוּן דִיר.

## אַ צָרָה אִיז נַאכְט

דָאס אִיז מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְּקוּת, אַ צָרָה אִיז נַאכְט אוּן דִי יְשׁוּעָה אִיז טָאג; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אַ צָרָה, עֶס אִיז אִים נַאכְט, אִיז עֶר זֵייעֶר פַארְלוֹירְן, אָבֶער וֶוען דִי יְשׁוּעָה קוּמְט, עֶס וֶוערְט טָאג, דֶעמָאלְט גֶעדֶענְקְט עֶר שׁוֹין אֲפִילוּ נִישְׁט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַמָאל אַ צָרָה.

## אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן דִי פַּרְשָׁה

צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַ בָּחוּר אִיז פַארְלוֹירְן: "אִיךְ דַארְף אַ שִׁידוּךְ", "וֶוער וֶועט מִיר נֶעמֶען פַאר אַ שִׁידוּךְ", פְּלוּצְלִינְג וֶוערְט עֶר אַ חָתָן הָאט עֶר שׁוֹין אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן דִי פַּרְשָׁה וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, עֶר גֶעדֶענְקְט אֲפִילוּ נִישְׁט אַז בָּחוּר וִויל וֶוערְן אַ חָתָן, עֶר גֶעדֶענְקְט אֲפִילוּ נִישְׁט עֶר אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין אַ צָרָה, אָדֶער אֵיינֶער וַוארְט אוֹיף קִינְדֶער, עֶר דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם פַארְזָארְגְט: "אִיךְ וֶועל יָא הָאבְּן קִינְדֶער? אִיךְ וֶועל נִישְׁט הָאבְּן קִינְדֶער?" דֶערְנָאךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט עֶר הָאט קִינְדֶער, וֶוערְט דִי גַאנְצֶע צָרָה פַארְגֶעסְן, אָדֶער אֵיינֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, עֶר וַוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט פַּרְנָסָה, פְּלוּצְלִינְג וֶוען עֶר בַּאקוּמְט אַ פַּרְנָסָה וֶוערְט פַארְגֶעסְן זַיין גַאנְצֶע צָרָה.

## פְּלוּצְלִינְג קוּמְט דִי יְשׁוּעָה

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת ד.): דִי הֵיילִיגֶע אֲמוֹרָאִים רֶבִּי חִיָּיא אוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן חֲלַפְתָּא זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אִין אַ דָארְף נֶעבְּן טְבֶרְיָה וָואס הָאט גֶעהֵייסְן בִּקְעַת אַרְבֵּל, אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען וִוי עֶס הֵייבְּט אָן טָאגְ'ן, הָאט זִיךְ רֶבִּי חִיָּיא אָנְגֶערוּפְן צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן חֲלַפְתָּא: "**אַזוֹי וִוי דָאס אוֹיפְשַׁיין פוּנֶעם מָארְגְן שְׁטֶערְן אַזוֹי הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער, קוֹדֶם שַׁיינְט עֶס אוֹיף אַבִּיסְל, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ וֶוערְט עֶס**

**שְׁטַארְקֶער אוּן שְׁטַארְקֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט** (מִיכָה ז, ח): "**כִּי אֵשֵׁב בַּחֹשֶׁךְ ה' אוֹר לִי", וֶוען אִיךְ זִיץ אִין פִינְסְטֶערְנִישׁ מַאכְט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיכְטִיג**". אַזוֹי אִיז עֶס מִיט יֶעדְן אֵיינֶעמְ'ס פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶס וֶוערְט נַאכְט, דִי חַיּוֹת הֵייבְּן אָן בְּרוּמֶען, וָואס גֵייט זַיין? אָבֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט סַבְלָנוּת, עֶר וַוארְט אוֹיס דִי יְשׁוּעָה, דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פְּלוּצְלִינְג קוּמְט דִי יְשׁוּעָה אוּן מֶען גֶעדֶענְקְט שׁוֹין נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען פַארְדֶעם.

## יֶעדֶער אֵיינֶער קְרֶעכְצְט בַּיינַאכְט

אוֹיךְ מֵיינְט דָאס לַאכְן פוּנֶעם טָאג צוּם נַאכְט - פָּשׁוּט אוֹיפְ'ן נַאכְט; וַוייל אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען זֶענֶען נָאר בַּיינַאכְט, וִוי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (מַעֲשֶׂה מִבְּטָחוֹן) אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס פְלֶעגְט זִיךְ אוּמְקֶערְן בַּיינַאכְט אִין דִי הַייזֶער, אוּן בַּיי יֶעדֶע הוֹיז הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַנְדֶערֶע קְרֶעכְצְן, דָא זִיצְט אַ מַאן אוּן וַוייבּ אוּן קְרֶעכְצְן: "**וָואס גֵייט זַיין? עֶס נִישְׁט דָא קַיין גֶעלְט**", אִין אַ אַנְדֶערֶע הוֹיז קְרֶעכְצְט מֶען: "**וָואס וֶועט זַיין? מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הוֹיז**", אַ אִינְגֶערְמַאן קְרֶעכְצְט: "**וָואס וֶועט זַיין? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קַאר**", יֶעדֶער אֵיינֶער קְרֶעכְצְט בַּיינַאכְט.

## צוּפְרִי טְרִינְקְט מֶען אַ קַאוֶוע אִינְאֵיינֶעם

נָאר בַּיינַאכְט זֶענֶען אַלֶע צָרוֹת, וָואס טְרַאכְט אַ מֶענְטְשׁ צוּפְרִי? אִיךְ וֶועל גֵיין אִין מִקְוֶה, אִיךְ וֶועל גֵיין דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיךְ הֶעלְפְן! אוֹיךְ אִיז שָׁלוֹם בַּיִת זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג בַּיינַאכְט, דִי וַוייבּ וֵויינְט: "הָאסְט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ, דוּ דַארְפְסְט מִיךְ נִישְׁט", מֶען טַעֲנָה'ט אוֹיף דֶעם אוּן אוֹיף דֶעם, צוּפְרִי טְרִינְקְט מֶען אַ קַאוֶוע אִינְאֵיינֶעם, עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ, מֶען גֶעבְּט זִיךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער.

## צוּפְרִי אִיז אַ אַנְדֶערֶע מֹחַ

אַז מֶען וִויל עֶפֶּעס פוֹעֶלְ'ן אִין שְׁטוּבּ, סֵיי אַז דֶער מַאן וִויל פוֹעֶלְ'ן בַּיי זַיין וַוייבּ, סֵיי אַ וַוייבּ וִויל פוֹעֶלְ'ן בַּיי אִיר מַאן, אִיז פִיל גְרִינְגֶער צוּ פוֹעֶלְ'ן צוּפְרִי, צוּפְרִי אִיז אַ אַנְדֶערֶע מֹחַ, וַוייל בַּיינַאכְט זֶעט אוֹיס "**דָאס טוֹיגְט נִישְׁט, יֶענְץ טוֹיגְט נִישְׁט**", אָבֶער צוּפְרִי זָאגְט מֶען: "**נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ, מֶען וֶועט מַאכְן אַזוֹי, מֶען וֶועט מַאכְן אַזוֹי**".

## שְׁלָאפְן אִינְמִיטְן טָאג

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קי), וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט זַיין אֱמוּנָה; עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס דַארְפְן דָאס אוֹיךְ הָאבְּן אִינְמִיטְן טָאג, בִּפְרָט אַ פְרוֹי, וַוייל זִי אִיז אִיבֶּער גֶעשְׁטְרֶענְגְט מִיט דִי קִינְדֶער, דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר אַ גֶעזוּנְטֶע זַאךְ אַז מֶען לֵייגְט זִיךְ אַבִּיסְל אַרָאפּ אִינְמִיטְן טָאג, מֶען לֵייגְט אַרוֹיף דִי קִינְדֶער אוֹיפְ'ן בָּאס, מֶען שִׁיקְט דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל, אֲפִילוּ מֶען הָאט אַ קְלֵיין קִינְד אִינְדֶערְהֵיים, לֵייגְט מֶען זִיךְ אַרָאפּ שְׁלָאפְן צוּזַאמֶען מִיטְ'ן קִינְד פַאר אַ שָׁעָה צְוֵויי, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גֶעזוּנְטֶע זַאךְ.

## עֶר בַּאקוּמְט כֹּחַ אָנְצוּגֵיין

בַּיי מֶענֶער אִיז דָאס נִישְׁט שַׁיָיךְ וַוייל מֶענֶער אַרְבֶּעטְן, אָבֶער עֶס אִיז אוֹיךְ שַׁיָיךְ וֶוען מֶען קוּמְט אַהֵיים פוּן אַ טָאג אַרְבֶּעט, כַאפְּט מֶען אַ דְרִימְל אֲפִילוּ פַאר פוּפְצְן מִינוּט, דֶער מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט נַייעֶ מוֹחִין, עֶר קֶען גֵיין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, עֶר קֶען גֵיין צוּ אַ שִׁיעוּר, עֶר קֶען גֵיין דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב, עֶר בַּאקוּמְט כֹּחַ אָנְצוּגֵיין, אֲפִילוּ אַפָּאר מִינוּט שְׁלָאפְן בְּרֶענְגְט שׁוֹין אֱמוּנָה. דָאס אִיז גֶעוֶוען יֶעדְן צוּפְרִי וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַזַא מִין גֶעלֶעכְטֶער, וִוי דֶער טָאג לַאכְט אוֹיס דֶעם נַאכְט, וַוייל אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען פוּן בַּיינַאכְט זֶענֶען אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אוּן קֵיינֶער גֶעדֶענְקְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן.

דֶערְנָאךְ אִיז גִיוָוארִין תֵּיכֶף טָאג. הָאבִּין זֵיי אַ קוּק גִיטָאן. הָאבִּין זֵי גִיזֶעהְן. דִי בְּהֵמוֹת זַיינֶע שְׁטֵייעֶן. אוּן דָאס פֶערְד פוּן יֶענֶעם אִיז אוֹיךְ גִישְׁטַאנֶען. זֶענֶען זֵיי אַרָאפּ גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאבִּין אָנְגִיהוֹיבִּין נָאךְ צוּ יָאגִין. דֶער נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת אוּן דֶער נָאךְ דֶעם פֶערְד. אוּן דִי בְּהֵמוֹת זֶענֶען אַנְטְלוֹיפִין וַוייטֶער אוּן עֶר יָאגְט נָאךְ וְכוּ' כַּנַּ"ל.

## נָאכְלוֹיפְן דִי פֶערְד

אַזוֹי אִיז עֶס, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ צָרָה אוּן אִיז גוּט דֶערְשְׁרָאקְן, נֶעמְט עֶר אַ תְּהִלִּים, עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, עֶר בֶּעט עֶר זִיךְ אִיבֶּער. מֶען זֶעט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט גוּט לָאזְט עֶר אָפּ אַלֶע מַחְלוֹקֶת, עֶר גֵייט אַרוּם צוּ יֶעדְן אִיבֶּער בֶּעטְן: "**בִּיסְט מִיר מוֹחֵל? בִּיסְט מִיר מוֹחֵל?**" עֶר נֶעמְט אַ תְּהִלִּים אוּן זָאגְט תְּהִלִּים, אָבֶער וֶוען אַלֶעס וֶוערְט מְסוּדָּר מַאכְט עֶר צוּ דֶעם תְּהִלִּים, עֶר לָאזְט אָפּ דִי שָׁלוֹם, עֶר הֵייבְּט זִיךְ צוּרִיק אָן קְרִיגְן, עֶר הֵייבְּט זִיךְ אָן גְרוֹיסְן, בִּיז

עֶר הֵייבְּט נָאכְאַמָאל אָן נָאכְלוֹיפְן דִי בְּהֵמוֹת, עֶר הֵייבְּט נָאכְאַמָאל אָן נָאכְלוֹיפְן דִי פֶערְד; עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן רֶבִּי'ן, עֶר לָאזְט אָפּ דִי שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, עֶר לָאזְט אָפּ דִי הִתְחַזְקוּת שִׁיעוּרִים.

## אַן אוֹיפְוֶועק רוּף (Wake Up Call)

וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן, אִיךְ בְּלַייבּ בַּיים בּוֹים, "אִיךְ בְּלַייבּ בַּיים רֶבִּי'ן", אִיךְ גֵיי פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, אִיךְ גֵיי פָאלְגְן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, וָואס דַארְף אִיךְ וַוארְטְן בִּיז עֶס זָאל מִיר זַיין שְׁלֶעכְט? וָואס דַארְף אִיךְ וַוארְטְן צוּ בַּאקוּמֶען אַן אוֹיפְוֶועק רוּף (Wake Up Call) פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אַ מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט אַ רוּף פוּן שְׁטוּב אַז עֶפֶּעס אִיז פְּלוּצְלִינְג גֶעשֶׁען, אֵיינֶער פִּילְט זִיךְ נִישְׁט גוּט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, וָואס דַארְף אִיךְ וַוארְטְן אוֹיף דֶעם? אִיךְ וֶועל יֶעדְן טָאג נֶעמֶען אַ תְּהִלִּים זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֶועל יֶעדְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַפָּאר וֶוערְטֶער.

## וָואס זֶעסְטוּ? אֵייבֶּערְשְׁטֶער!

דָא אִין שְׁטֶעטְל אִיז דָאךְ אַ מְחַיֶה, דוּ שְׁטֵייסְט בַּיי דַיין פֶּענְסְטֶער פוּן הוֹיז, קוּקְסְט אַרוֹיס, וָואס זֶעסְטוּ? אֵייבֶּערְשְׁטֶער! זֶעסְט נַאטוּר, הִימְל, בֵּיימֶער, גְרָאז, זָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער, דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן אַזַא שֵׁיינֶע וֶועלְט, הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיךְ, הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּן דִיךְ".**

## וָואס בֶּעט מֶען אוּנְטֶער דִי חוּפָּה?

דִי וָואךְ אִיז גֶעוֶוען אַ חֲתוּנָה פוּן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה, הָאט מִיר דֶער חָתָן נֵרוֹ יָאִיר גֶעפְרֶעגְט בַּיים קַבָּלַת פָּנִים: "וָואס בֶּעט מֶען אוּנְטֶער דִי חוּפָּה?" הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".** וָואס דַארְפְסְטוּ אַ הוֹיז? אַ קַאר? אַ בִּיזְנֶעס? אַוַודַאי דַארְף מֶען הָאבְּן אַ הוֹיז, אַ קַאר אוּן אַ בִּיזְנֶעס, אָבֶּער וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין דִי זַאכְן מֵיינְסְטוּ אַז מֶען אִיז שׁוֹין מְסוּדָר? הָאבְּנְדִיג דִי אַלֶע זַאכְן קֶען מֶען נָאךְ אוֹיךְ פַארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן! אָנְדֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט דָאךְ אַ מֶענְטְשׁ גָארְנִישְׁט.

## אִיז עֶר מְסוּדָר אַזוֹי וִוי דִיר?!...

אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט אַ אִינְגֶערְמַאן אוֹיף אֵיינֶער פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה וָואס עֶר מַאכְט, זָאגְט עֶר מִיר: "**בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶר הָאט זִיךְ גוּט מְסַדֵר גֶעוֶוען, עֶר הָאט שׁוֹין גֶעקוֹיפְט אַ הוֹיז**", אִיךְ קוּק אִים אָן: דוּ זָאגְסְט מִיר עֶס? דוּ הָאסְט דָאךְ אַ הוֹיז! וֶוען דוּ וָואלְסְט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין הוֹיז אוּן דוּ וָואלְסְט מִיר דָאס גֶעזָאגְט, אַז יֶענֶער אִיז גוּט מְסוּדָר וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין אַ הוֹיז - וָואלְט אִיךְ דִיר פַארְשְׁטַאנֶען, **דוּ מֵיינְט נָאךְ אַז וֶוער עֶס הָאט אַ הוֹיז בַּיי אִים אִיז אַלֶעס מְסוּדָר**, אָבֶּער דוּ הָאסְט דָאךְ שׁוֹין אוֹיךְ אַ הוֹיז, אִיז עֶר מְסוּדָר אַזוֹי וִוי דִיר?!...

## וָואס מַאכְט דִיךְ יֶעצְט פְרֵיילִיךְ?!

אוֹיבּ עֶפֶּעס אִיז עֶס פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, אֵיינֶער וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט קַיין הוֹיז, קֶען זִיךְ פְרֵייעֶן: **"קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ גֵיי אִיךְ שְׁלִיסְן מַיין קוֹיפוּנְג פוּן אַ נַייעֶ הוֹיז - וֶועל אִיךְ וֶוערְן מְסוּדָר"**, אָבֶּער אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין אַ הוֹיז, דוּ הָאסְט שׁוֹין אַ קַאר, וָואס טוּסְטוּ יֶעצְט? וָואס מַאכְט דִיךְ יֶעצְט פְרֵיילִיךְ?! נָאר, אָן דֶעם צַדִיק הָאט מֶען טַאקֶע גָארְנִישְׁט, מֶען קֶען הָאבְּן אַ הוֹיז, אַ קַאר, מֶען קֶען זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אָבֶּער אִיךְ מוּז הָאבְּן דֶעם בּוֹים, אִיךְ מוּז הָאבְּן דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן מִיט דֶעם רֶבִּי'ן הָאט מֶען שׁוֹין אַלֶעס.

## וָואס אִיז שַׁיָיךְ הֶעכֶער?

אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן מִיר הָאבְּן גֶעטְרָאפְן דֶעם בּוֹים, מִיר הָאבְּן זִיךְ דֶערְוואוּסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פַארְוָואס זָאל אִיךְ אַרָאפְגֵיין פוּן בּוֹים? פַארְוָואס זָאל אִיךְ אַוֶועקְגֵיין פוּן בּוֹים? אֵיינֶער הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א: "וֶוען קֶען אִיךְ שׁוֹין אַוֶועקְגֵיין פוּן מוֹהֲרַאְ"שׁ? וֶוען בִּין אִיךְ גְרֵייט צוּ גֵיין הֶעכֶער?" עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס טְרַאכְטְן: "מוֹהֲרַאְ"שׁ אִיז גֶעמַאכְט נָאר פַאר אָנְפַאנְג, מוֹהֲרַאְ"שׁ לֶערְנְט אוֹיס א' ב', דֶערְנָאךְ קֶען מֶען שׁוֹין גֵיין הֶעכֶער אוּן טִיפֶער, קוּקְט אִים רֶבִּי יִצְחָק אָן: **"אַוֶועק גֵיין? וואוּ אַוֶועק גֵיין?! וָואס אִיז שַׁיָיךְ הֶעכֶער? וָואס אִיז שַׁיָיךְ טִיפֶער פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?!"**

## אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד

אֵיינֶער הָאט אַמָאל גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי'ן, אִין דֶעם לֶעצְטְן יָאר פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת, לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן וַויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד"**, **"אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד"**, דֶער עֶרְד אִיז גֶעוֶוען נַאס פוּן טְרֶערְן, יֶענֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין: "פַארְוָואס וַויינְט דֶער רֶבִּי, דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ שׁוֹין מְגַלֶה גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן, וָואס נָאךְ וִויל דֶער רֶבִּי?" הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט: "פַאר אִיךְ הָאבּ מְגַלֶה גֶעוֶוען דִי אַלֶע זַאכְן, הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אוֹיךְ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ וֵוייס אַלֶעס, אָבֶּער דֶערְנָאךְ בִּין אִיךְ גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן מֶער אוּן מֶער, דֶערְפַאר וֵויין אִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד" (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קסד).

## קוּקְט אָן דִי אַלֶע בְּלֶעטְלֶעךְ...

וואוּ אִיז שַׁיָיךְ אַ גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם אִיךְ זָאל גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וַויינֶען: **"אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד"**?! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען בְּלַייבְּן אוֹיפְ'ן בּוֹים, מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'נְס עֵצוֹת. אִיךְ וַוייז פַאר מַיינֶע קִינְדֶער: **"קוּקְט אָן דִי אַלֶע בְּלֶעטְלֶעךְ, דִי בְּלֶעטְלֶעךְ וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, זֵיי פַאלְן אַרָאפּ פוּן בּוֹים, אוּן עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט פוּן זֵיי, ווידֶער דִי בְּלֶעטְלֶעךְ וָואס זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן אוֹיפְ'ן בּוֹים זֶענֶען שֵׁיינֶע גְרִינֶע בְּלֶעטְלֶעךְ"**; אַז מֶען לָאזְט אָפּ דֶעם בּוֹים, אַז מֶען לָאזְט אָפּ דֶעם צַדִיק, אִיז גָארְנִישְׁט דָא, עֶס קֶען אוֹיסְקוּקְן פוּן אָנְפַאנְג וִוי מֶען קֶען זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן, אָבֶּער צוּם סוֹף בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

## זַאךְ וָואס שְׁטֵייט אִין דִי לוּפְט

אָן דֶעם רֶבִּי'ן וִוי קֶען מֶען הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת? מִיר גֵייעֶן לֶערְנֶען וַוייטֶער אִין דִי מַעֲשֶׂה, קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִי"ה, וִוי זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד צוּ אַ פְּלַאץ וָואס אִיז דָארְט גֶעוֶוען שְׁלֶענְג אוּן עֶקְדִיסְן, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד: "וִוי אַזוֹי קֶען מֶען דָא אַרִיבֶּער גֵיין?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"עֶטְץ קֶענְטְס קוּמֶען צוּ מִיר אִינְדֶערְהֵיים"**, אוּן עֶר וַוייזְט זֵיי וִוי זַיין הוֹיז שְׁטֵייט אִין דִי לוּפְט. דָאס מֵיינְט, אַז אַ הוֹיז זָאל קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין, אִיז אַ זַאךְ וָואס שְׁטֵייט אִין דִי לוּפְט, עֶס אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ; כְּדֵי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִין אַ הוֹיז מוּז מֶען הָאבְּן דֶער צַדִיק, דֶער מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד, וָואס לֶערְנְט אוֹיס דִי עֵצָה פוּן גֵיין אִין וַואלְד, דֶער רֶבִּי זָאגְט: **"גֵיי אַבִּיסְל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**, דַאן קֶען מֶען הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת.

## זֶעסְט דוּ הָאסְט דֶעם חִסָרוֹן!

אִיךְ מוּז זוּכְן מַעֲלוֹת אוֹיף מַיין וַוייבּ, מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעמְ'ס חֶסְרוֹנוֹת, פּוּנְקְט וִוי אִיךְ הָאבּ מַעֲלוֹת אוּן חֶסְרוֹנוֹת הָאט יֶענֶער אוֹיךְ מַעֲלוֹת אוּן חֶסְרוֹנוֹת. מֶען קֶען נִישְׁט שְׁטֵיין אַ גַאנְצְן טָאג אוּן קוּקְן: **"זֶעסְט דוּ הָאסְט דֶעם חִסָרוֹן!"**

## דַיין אֵייגֶענֶער חִסָרוֹן

אַז אִיךְ וֶועל אַרְבֶּעטְן אוֹיף מַיינֶע חֶסְרוֹנוֹת וֶועלְן אַוֶועקְגֵיין דֶעם צְוֵוייטְנְ'ס חֶסְרוֹנוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער **בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ** זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: "אַז מֶען זֶעט אַ פֶעלֶער בַּיי יֶענֶעם אִיז עֶס דַיין אֵייגֶענֶער חִסָרוֹן", אוּן עֶר טַייטְשְׁט דֶערְמִיט דֶעם מִשְׁנָה (נְגָעִים פֶּרֶק ב, מִשְׁנָה ה): **"כָּל הַנְּגָעִים אָדָם רוֹאֶה חוּץ"** - אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ זֶעט בַּיי אַנְדֶערֶע, **"מִנִּגְעֵי עַצְמוֹ"** - אִיז דָאס זַיין אֵייגֶענֶער חִסָרוֹן.

## עֶפֶּעס הָאבּ אִיךְ גֶעזִינְדִיגְט מִיט חִלוּל שַׁבָּת

דֶער **בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ** הָאט אַמָאל גֶעזֶען וִוי אַ אִיד אִיז מְחַלֵל שַׁבָּת, הָאט עֶר זִיךְ גְלַייךְ דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען "אַז אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס גֶעזֶען בַּיי יֶענֶעם הָאט דָאס צוּ טוּן מִיט מִיר, זִיכֶער הָאבּ אִיךְ עֶפֶּעס אוֹיךְ גֶעזִינְדִיגְט מִיט חִלוּל שַׁבָּת", אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט כַאפְּן וָואס עֶר הָאט מְחַלֵל שַׁבָּת גֶעוֶוען, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי מֶען הָאט פַארְשֶׁעמְט אַ צַדִיק אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מוֹחֶה גֶעוֶוען, וֶוערְט דָאס פַארְעֶכְנְט פַאר אִים וִוי חִלוּל שַׁבָּת, וַוייל אַ תַּלְמִיד חָכָם אִיז בִּבְחִינַת שַׁבָּת.

## שְׁלֵמוּת שָׁלוֹם בַּיִת

אַז אִיךְ זֶע עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט אוֹיף מַיין וַוייבּ, הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ דָאס שְׁלֶעכְטְס, אוּן אַז אִיךְ וִויל עֶס אַוֶועק נֶעמֶען פוּן אִיר דַארְף אִיךְ עֶס אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן מִיר. דָאס אִיז סַיי לְגַבֵּי מֶענֶער צוּ פְרוֹיעֶן אוּן אוֹיךְ לְגַבֵּי פְרוֹיעֶן צוּ מֶענֶער; דִי פְרוֹיעֶן קוּמֶען אוֹיךְ הֶערְן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, זֵיי ווִילְן אוֹיךְ מִיטְהַאלְטְן דִי שִׁיעוּרִים, דַארְף מֶען וִויסְן, אַז דוּ זֶעסְט אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ בַּיי יֶענֶעם דַארְף אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּן. דָאס אִיז **"שְׁלֵמוּת שָׁלוֹם בַּיִת"**, נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְעֶכְטְן יֶענֶעמְ'ס חִסָרוֹן, נָאר אִיךְ וֶועל פַארְעֶכְטְן מַיין חִסָרוֹן.

## אַ שְׁפִּיל פּוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֵ"ם

דֶער יֵצֶר הָרָע קֶען נִישְׁט סוֹבֵל זַיין אַז מַאן אוּן וַוייבּ הָאבְּן זִיךְ לִיבּ, אִיךְ זֶע עֶס בְּחוּשׁ, כִּמְעַט יֶעדְן טָאג קוּמֶען צוּ מִיר מֶענֶער מִיט טַעֲנוֹת אוֹיף דִי וַוייבּ אוּן פְרוּיעֶן מִיט טַעֲנוֹת אוֹיף דִי מַאן, אוּן עֶס קוּמְט נָאךְ צוּ אַז דִי טַעֲנוֹת זֶענֶען לְשֵׁם שָׁמַיִם... **"עֶר טוֹיגְט נִישְׁט"**, **"זִי טוֹיגְט נִישְׁט"**, וֶוער הָאט דִיךְ גֶעפְרֶעגְט?! וֶוער הָאט דִיךְ גֶעבֶּעטְן קוּקְן?! דָאס אִיז אַלְץ אַ שְׁפִּיל פּוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֵ"ם אָפְּצוּקִילְן דִי שָׁלוֹם בַּיִת, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט זַיין עֶרְלִיךְ, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, זָאלְסְטוּ אַרַיינְנֶעמֶען אֵיין זַאךְ אִין זִיךְ: **"אִיךְ גֵיי לִיבּ הָאבְּן מַיין מַאן"**, **"אִיךְ גֵיי לִיבּ הָאבְּן מַיין וַוייבּ"**.

## מַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין גַאנְץ

הַלְוַאי וְהַלְוַאי זָאל מֶען אָנְהֵייבְּן אוֹיסְהֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַ מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּמַאכְן, דָאס אִיז מַיין אִידִישְׁקֵייט, דָאס אִיז מַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אִיךְ הָאבּ אֵיין זַאךְ **"מַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין גַאנְץ"**, אִיךְ זֶע נָאר גוּטְס אִינֶעם צְוֵוייטְן, דֶער מַאן אִין דִי וַוייבּ, אוּן דִי וַוייבּ אִין דֶעם מַאן, אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין שְׁטוּבּ.

## גָארְנִישְׁט צוּטוּן מִיט לְשֵׁם שָׁמַיִם!

רֶעד זִיךְ נִישְׁט אֵיין אַז דוּ גֵייסְט יֶעצְט זַיין פְרוּם, **"אִיךְ הָאבּ גֶעכַאפְּט יֶענֶעם בַּיי אַן עֲבֵירָה"**, **"אִיךְ גֵיי קֶעיר נֶעמֶען פוּן יֶענֶעם"**, דָאס הָאט גָארְנִישְׁט צוּטוּן מִיט אֵייבֶּערְשְׁטֶער! דָאס הָאט גָארְנִישְׁט צוּטוּן מִיט לְשֵׁם שָׁמַיִם! 'לְשֵׁם שָׁמַיִם' אִיז: **"אִיךְ גֵיי לִיבּ הָאבְּן מַיין שׁוּתָּף"**, דֶער מַאן זַיין וַוייבּ, אוּן דִי וַוייבּ אִיר מַאן.

## חֲנוּכָּה מַתָּנוֹת

עֶס קוּמְט יֶעצְט חֲנוּכָּה, מִיר רֶעדְן דֶערְפוּן אַלֶע יָארְן, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ נֵייעֶ זַאךְ מֶען מוּז גֶעבְּן מַתָּנוֹת פַאר דִי קִינְדֶער אוּם חֲנוּכָּה, אִיךְ וֶועל עֶנְק גֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע זַאךְ וָואס עֶטְץ קֶענְסְט גֶעבְּן אַ מַתָּנָה פַאר דִי קִינְדֶער, עֶס וֶועט נִישְׁט קָאסְטְן קַיין גֶעלְט אוּן דִי קִינְדֶער וֶועלְן עֶנְק נָאכְדֶעם מַכִּיר טוֹבָה זַיין אַ גַאנְץ לֶעבְּן, דָאס וֶועט עֶנְק בְּרֶענְגֶען נַחַת אוּן עֶס וֶועט זִיךְ צִיעֶן שֵׁיינֶע דוֹרוֹת. דוּ זוּכְסְט אַ שֵׁיינֶע זַאךְ פַאר דַיינֶע קִינְדֶער? דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אִיז: **"אִיךְ גֵיי אַרְבֶּעטְן אוֹיף מַיין שָׁלוֹם בַּיִת"**, **"אִיךְ גֵיי אַרְבֶּעטְן אוֹיף מַיינֶע מִדּוֹת"**.

## אַ מַאן וָואס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט בְּרֶסְלֶב

אַ מֵיידְל פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו, וִוי זִי בַּאדַאנְקְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק וִוי אִיר גַאנְצֶע חַיּוּת אִיז פוּן 'בְּרֶסְלֶב - הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ', זִי שְׁרַייבְּט זִי ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאקוּמֶען אַ בָּחוּר אַ בְּרֶסְלֶבּ'עֶר חָסִיד; זִי ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ דִי שָׁלוֹם בַּיִת וֶועט נִישְׁט זַיין שְׁוֶוער אוֹיבּ בֵּיידֶע זֶענֶען אַזוֹי אַנְדֶערְשׁ אֵיינֶער פוּנֶעם צְוֵוייטְן? צִי מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט אַ מַאן אֲפִילוּ וֶוען זִי אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק פַאר בְּרֶסְלֶב, אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט מִיט בְּרֶסְלֶב, אוּן אֶפְשָׁר אֲפִילוּ גָארְנִישְׁט בִּכְלַל מִיט חֲסִידוּת?

## חַסִידִי"שׁ, לִיטְוִוישׁ, יֶעקִישׁ, אַשְׁכְּנַזִי"שׁ אוּן סְפַרְדִי"שׁ

קוּק אַרַיין אִין 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה', דֶער בְּרִיוו אִיז שֵׂכֶל פוּן מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שְׁטֵייט אַזוֹי דֶער עֶנְטְפֶער: "מֵיינְט נִישְׁט אַז וִויבַּאלְד אִיר זֶענְט בְּרֶסְלֶב אוּן אִיר וֶועט טְרֶעפְן אַ בְּרֶסְלֶבּ'עֶר חָתָן - קוּמְט אַטָאמַאטִישׁ שָׁלוֹם בַּיִת; שָׁלוֹם בַּיִת קֶען מֶען נָאר הָאבְּן אוֹיבּ מֶען אַרְבֶּעט זִיךְ אוֹיס דִי מִידוֹת, מֶען דַארְף אַסַאךְ הָארֶעוֶוען אוֹיף זִיךְ צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל מְתַקֵּן זַיין דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת; נָאר אַזוֹי הָאט מֶען שָׁלוֹם בַּיִת. בְּרֶסְלֶב אִיז שֵׂכֶל, בְּרֶסְלֶב אִיז טְרַאכְטְן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט מִצְוֹת, קוּקְן גוּט אוֹיף אַנְדֶערֶע - דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב, נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט וֶוייניגֶער; אַ בְּרֶסְלֶבּ'עֶר דַארְף זִיךְ קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט יֶעדֶע סָארְט שִׁידוּךְ: חַסִידִי"שׁ, לִיטְוִוישׁ, יֶעקִישׁ, אַשְׁכְּנַזִי"שׁ אוּן סְפַרְדִי"שׁ".

## אַ בְּרֶסְלֶבּ'עֶר מִיט אַ מִתְנַגֵּד...

עֶס אִיז דָא מֵיידְלֶעךְ וָואס עַקְשְׁנ'עֶן זִיךְ אוֹיף אַ בְּרֶסְלֶבּ'עֶר בָּחוּר, אוּן זֵיי בַּאקוּמֶען אַ בָּחוּר פוּן בְּרֶסְלֶב, נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֵויינֶען זֵיי: "אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אִיךְ גֵיי הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת". דָאס אִיז אַ טָעוּת, זֵיי מֵיינֶען אַז 'שָׁלוֹם בַּיִת' אִיז **וֶוען אַ בְּרֶסְלֶבּ'עֶר מִיט אַ בְּרֶסְלֶבּ'עֶ אָדֶער אַ סַאטְמַארֶ'ער מִיט אַ סַאטְמַארֶ'ע הָאבְּן חֲתוּנָה...** שָׁלוֹם בַּיִת וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִינֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס קֶען זַיין צְוֵויי בְּרֶסְלֶבּ'עֶ וָואס רַייסְן זִיךְ אַ גַאנְץ לֶעבְּן, ווִידֶער קֶען זַיין פַארְקֶערְט, צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע חֲסִידוּת, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַ בְּרֶסְלֶבּ'עֶר מִיט אַ מִתְנַגֵּד אוּן זֵיי לֶעבְּן זֵייעֶר שֵׁיין. וָואס אִיז שָׁלוֹם בַּיִת? שָׁלוֹם בַּיִת הָאט נָאר מִיט זִיךְ, גָארְנִישְׁט מִיט יֶענֶעם.

## שָׁלוֹם בַּיִת הָאט מִיט עֲבוֹדַת הַמִּדּוֹת

**אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ דִי בָּחוּרִים:** הֶערְטְס גוּט אוֹיס, נָאךְ אַבִּיסְל וֶוערְט עֶטְץ חֲתָנִים, זָאלְט עֶטְץ גוּט ווִיסְן, שָׁלוֹם בַּיִת הָאט מִיט עֲבוֹדַת הַמִּדּוֹת, בִּיסְטוּ גְרֵייט צוּ שְׁלִינְגֶען? בִּיסְטוּ גְרֵייט צוּ מְוַותֵּר זַיין, בִּיסְט גְרֵייט גָארְנִישְׁט צוּ וֶועלְן אִין לֶעבְּן? בִּיסְט גְרֵייט צוּ גֶעבְּן, זַיין אַ מַשְׁפִּיעַ? דֶעמָאלְט קֶענְסְטוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת!

## שְׁלִינְגֶען אִין לֶעבְּן

שָׁלוֹם בַּיִת הָאט נִישְׁט צוּטוּן וֶוען עֶס אִיז אַ בְּרֶסְלֶבּ'עֶר מִיט אַ בְּרֶסְלֶבּ'עֶ, אַלֶעס אִיז דִמְיוֹן, אַלֶעס אִיז הֲבֵל הֲבָלִים, עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי זִיךְ צוּ עַקְשְׁנ'עֶן אוֹיף גָארְנִישְׁט, אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִיל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת וֶוענְדְט זִיךְ עֶס אִין אִים, גָארְנִישְׁט מִיט יֶענֶעם, עֶר דַארְף נָאךְ שְׁלִינְגֶען אִין לֶעבְּן, נָאךְ אַרְבֶּעטְן אוֹיף זִיךְ, נָאכְאַמָאל גֵיין אִין אַ זַייט אוּן זָאגְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פַארְוָואס וֶוער אִיךְ נֶערְוֶועז פוּן מַיין שׁוּתָּף? וָואס גֵייט פַאר מִיט מִיר? הֶעלְף מִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"**.

## נֵיין, אִיךְ בִּין נִישְׁט פְרֵיילִיךְ!

דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה וָואס מִיר קֶענֶען גֶעבְּן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער. מַיין וַוייבּ הָאט אַ חַבְרְ'טֶע, אַ גְרוּשָׁה מִיט עֶטְלִיכֶע קִינְדֶער, דִי מַאמֶע קֶען זִיךְ נֶעבֶּעךְ נִישְׁט אַלֵיינְס אַן עֵצָה גֶעבְּן דֶערְפַאר גֵייט דָארְט שְׁטֶענְדִיג אִינְדֶערְהֵיים אַזֶעלְכֶע מַכּוֹת אוּן אַזֶעלְכֶע מַתָּנוֹת... אֵיין טָאג גֵייט מַכּוֹת - דֶעם אַנְדֶערְן טָאג זֶעט מֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ טֵייעֶרֶע מַאשִׁינֶען אוּן טֵייעֶרֶע בֵּייקְס... אֵיין טָאג הָאט מַיין וַוייבּ גֶעטְרָאפְן אַ קִינְד פוּן יֶענֶע מִשְׁפָּחָה צְוֶועלְף אַזֵייגֶער אִינְמִיטְן טָאג, פְרֶעגְט זִי: עֶטְץ הָאטְס נִישְׁט קַיין חֵדֶר? הָאט זִיךְ דֶער כִּתָּה ד אִינְגְל אָנְגֶערוּפְן: **"הַיינְט גֵייט מֶען אוּנְז נֶעמֶען צוּ 'קִידְס עֶן עֶקְשְׁן' (Kids.n.Action), וַוייל עֶס אִיז דָא אַן אָרְגֶענִיזַאצְיֶע וָואס נֶעמְט צוּזַאם קִינְדֶער פוּן צֶעטֵיילְטֶע שְׁטִיבֶּער, וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין טַאטֶע מַאמֶע אוּן מֶען מַאכְט זֵיי פְרֵיילִיךְ"**, פְרֶעגְט אִים מַיין וַוייבּ הָאסְט הֲנָאָה? זָאגְט עֶר: **"נֵיין, אִיךְ בִּין נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, אִיךְ בִּין מְקַנֵּא עֶנְקֶער הוֹיז וָואס אִיז דָא אַ טַאטֶע אוּן מַאמֶע"**, מַיין וַוייבּ הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען.

## דָאס פִילְט נִישְׁט אָן דֶעם לָאךְ אִין הַארְץ

וָואס וֶועט הֶעלְפְן אַז דוּ וֶועסְט טְרָאגְן דַיין קִינְד צוּ 'קִידְס עֶן עֶקְשְׁן' (Kids.n.Action)? גָארְנִישְׁט! דָאס פִילְט נִישְׁט אָן דֶעם לָאךְ אִין הַארְץ, אַ בֵּייק, אַ עֶי טִי וִוי מַאכְט גָארְנִישְׁט בֶּעסֶער פַארְ'ן קִינְד. אַז זֵיי הָאבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע טַאטֶע מַאמֶע דַארְפְן זֵיי גָארְנִישְׁט. אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט דָא צוּ זוּכְן פֶעלֶערְן אִין אִיר, אִיךְ זוּךְ נִישְׁט קַיין אִידִישְׁקֵייט, אִיךְ גֶעבּ אַוֶועק מַיין לְשֵׁם שָׁמַיִם, אִיךְ גֶעבּ אַוֶועק מַיין רוּחָנִיּוּת אוּן גַשְׁמִיּוּת, אַבִּי צוּ הָאבְּן אַ גַאנְצֶע שְׁטוּבּ - דַאן קוּמֶען גוּטֶע קִינְדֶער, וואוֹילֶע קִינְדֶער. **דָאס וֶועט זַיין אוּנְזֶער שֵׁיינֶע חֲנוּכָּה מַתָּנָה.**

## מַאךְ נִישְׁט פוּן עִיקָר טָפֵל אוּן טָפֵל עִיקָר

וֶוער עֶס הָאט אַ מִנְהָג צוּ קוֹיפְן דַארְף נִישְׁט מַאכְן קַיין 'חֲסִידוּת' אַז **"דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לָאזְט נִישְׁט קוֹיפְן קַיין מַתָּנוֹת"**... בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוּנְזֶער קְהִלָּה אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף ווִיכְטִיגֶע זַאכְן, אוֹיף רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד אוּן שָׁלוֹם בַּיִת, מַאךְ נִישְׁט פוּן עִיקָר טָפֵל אוּן טָפֵל עִיקָר, צִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לָאזְט יָא קוֹיפְן מַתָּנוֹת אָדֶער נִישְׁט קוֹיפְן מַתָּנוֹת.

## אִיךְ לַאךְ זִיךְ אוֹיס פוּן אַלֶע גוֹיִ'אִישֶׁע זַאכְן

אִיךְ זָאג דִיר נָאר אַז אִיךְ קוֹיף נִישְׁט, אִיךְ לַאךְ זִיךְ אוֹיס פוּן דִי אַלֶע זַאכְן, אִיךְ וֵייס נִישְׁט וֶוען עֶס אִיז דֶער גֶעבּוּרְטְס-טָאג פוּן מַיינֶע קִינְדֶער; אִיךְ וֵייס יָא, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דֶעם טָאג, אָבֶּער אִיךְ נֶעם זֵיי נִישְׁט אַרוֹיס. אוֹיךְ וֵייס אִיךְ נִישְׁט מַיין גֶעבּוּרְטְס-טָאג אוּן מַיין וַוייבְּ'ס גֶעבּוּרְטְס-טָאג; אִיךְ וֵייס עֶס יָא, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דֶעם טָאג, אָבֶּער מִיר גֵייעֶן אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אַרוֹיס. צוּפֶעלִיג טְרָאג אִיךְ יָא אַרוֹיס מַיין וַוייבּ אִין אִיר גֶעבּוּרְטְס-טָאג, מִיר גֵייעֶן אַרוֹיס אִין דִי סוּכָּה, וַוייל זִי אִיז גֶעבּוֹירְן אוּם סֻכּוֹת... אִיךְ לַאךְ זִיךְ אוֹיס פוּן אַלֶע גוֹיִ'אִישֶׁע זַאכְן. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ אִינְדֶערְהֵיים, זֶענֶען דִי קִינְדֶער צוּפְרִידְן, אַלֶעס אִיז פֵיין אוּן וואוֹיל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.